וועטער:
קלאר און מילד

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910.
Published
DAILY

דאס אידישע ווארט

THE GATEWAY OF THE WEST

THE ISRAELITE PRESS

זון אויפגאנג — 7.8.
זון אונטערגאנג — 6.13.

די איינציקע אידישע
צייטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
ערשיינט
יעדן טאג

Vol. 21, No. 45. Winnipeg, Wed. March 4, 1931. Published Daily except Saturday and Sunday. ערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג מיטוואך, טו' אדר, תרצ"א.

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
MAR 9 1931
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

קיין מעגלאכקייט צוזאמענצורעדן זיך מיט די אידישע פירער, דערקלערט אראבישע עקזעקוטיווע

זאגט אז אידן וואס היטן כשרות זיינען בעסער פארהיט פון קראנקהייטן

(ספעצ. טעלעג. צו ד.א.וו. דורך "איטא")

לאנדאן, מארט 4, (איטא).— די אידן וואס היטן אפ שטריינג די אידישע כשרות געזעצן שטעקן זיך ניט אזוי לייכט אן מיט קראנקהייטן, ווי די וואס האלטן ניט פון די דאזיקע געזעצן, — האט דערקלערט לארד מאניהען, פרעזידענט פון'ם קעניגלאכן כירורגישן קאלעדזש, אין א רעדע פאר דער אידישער געזונטהייט ארגאניזאציע דא.

לארד מאניהען ווערט פארעכנט פאר א הויכן אויטאריטעט אין מעדיצינישע ענינים.

—(::)—

סער אסוואלד מאסלי קראנק

לאנדאן, מארט 4.— סער אסוואלד מאסלי, וועלכער האט נאר־וואס אנאנסירט אז ער האט בדעה צו גרינדן א נייע פאליטישע פארטיי, ליגט א קראנקער אין בעט, מיט סימנים פון א לונגען קראנקהייט.

אנאנסירט דעפיציט

צום ערשטן מאל פאר די לעצטע זעקס יאר וועט די פראווינץ פון אלבערטא האבן א דעפיציט ביים סוף פונ'ם לויפנדיקן פינאנציעלן יאר, וואס ענדיגט זיך מארט 31טן, 1931. — ווי עס איז אנאנסירט געווארן פון האנ. ר. ג. ריד (אויבן), פראווינציעלער פינאנץ מיניסטער פון אלבערטא.

פארדאמט מאקדאנאלדס בריוו און דראעט מיט אנטי־אידישן באיקאט

(ספעצ. טעלעג. צו ד.א.וו. דורך "איטא")

ירושלים, מארט 4 (איטא).— די אבסאלוטע אוממעגלאכקייט צו דערגרייכן א פארשטענדיקונג מיט דר. וויייצמאנען אדער מיט וועלכן ס'איז אנדער אידישן פירער, ווערט אויסגעדריקט אין א רעזאלוציע אנגענומען נעכטן פון דער אראבישער עקזעקוטיווע, נאך א לאנגער זיצונג אין וועלכער 30 מיטגלידער האבן זיך באטייליקט.

די עקזעקוטיווע האט גוטגעהייסן די דערקלערונג געמאכט פון איר אייגענער דעלעגאציע געשיקט צום הייקאמישאנער, פעברואר 16טן, לויט וועלכער זי זאגט זיך אפ פון צו אנערקענען פרעמיער מאקדאנאלדס אויסטייטשונגען פונ'ם ווייסן פאפיר.

די דראאונג פון א באיקאט קעגן די אידן, געמאכט פון דער דערמאנטער דעלעגאציע ביים הייקאמישאנער, איז אויך באשטעטיקט געווארן ביי דער זיצונג.

די עקזעקוטיווע האט אויך ווידער באשטעטיקט נאך אמאל אירע פריערדיקע רעזאלוציעס וואס דריקן אויס קעגנערשאפט צום פאלעסטינער מאנדאט און צו דער באלפור דעקלאראציע.

—(::)—

באנדיט בארויבט מאנטרעאלער באנק אויף טויזנט דאלאר

מאנטרעאל, קווע., מארט 4. — אן איינזאמער באנדיט איז אריין נעכטן אין באנק אף מאנטרעאל אפטיילונג אויף מאונט ראיאל עוועניו, האט באפוילן די אנוועזנדע אויפצוהויבן די הענט און האט אויסגעשאסן אין דער לופטן צו ווייזן אז "ער מיינט געשעפט". ער האט פארכאפט טויזנט דאלאר, פארזעענדיק א פעקל אסיגנאציעס אויף 15 טויזנט דאלאר אין א קעסטל אין קאסע, און איז דערמיט אנטלאפן און איז פארשוואונדן געווארן.

—(::)—

עמיר אבדולא, הערשער פון עבר הירדן, צופרידן מיט דער־פאלג פון ים המלח ארבעט

ירושלים, מארט 3 (איטא). — עמיר אבדולא, דער הערשער פון עבר הירדן, האט אין אן אינטערוויו מיט ס. וואן ווריזלאנד, באאמטער פון דער פאלעסטינער פאטאש קאמפאני וואס האט די קאנצעסיע אויף דעם ים המלח, אויסגעדריקט גרויס צופרידנהייט מיט די אויסגראבונגען.

דער עמיר און כאלער פאשא, פרעמיער פון עבר הירדן, האבן געמאכט אן אינספעקציע פון דער ארבעט וואס ווערט איצט אנגעפירט ביים ים־המלח.

—(::)—

פוילישער סענאט הייסט גוט געזעץ פראיעקט אפצושאפן צארישע באגרעניצונגען קעגן אידן

ווארשע, מארט 3 (איטא). — דער פוילישער סענאט האט גוטגעהייסן דעם געזעץ־פראיעקט, וואס פאדערט אפצושאפן די אנטי־אידישע באגרעניצונגען וואס זיינען געבליבן אין פוילן פון די צייטן ווען דער רוסישער צאר האט דארטן געהערשט.

דער סענאט האט אנגענומען די רעקאמענדאציע פון דער ספעציעלער קאמיסיע, מאכנדיק אייניקע ענדערונגען אין דעם פראיעקט. דער באשלוס פון סענאט איז אנגענומען געווארן נאכדעם ווי די סענאטארן באגוצקי און מענדעלסאן האבן געהאלטן רעדעס לטובת דער אפשאפונג פון די פארשימלטע געזעצן.

דער געזעץ פראיעקט וועט צוזאמען מיט די ענדערונגען וואס דער סענאט האט געמאכט איבערגעגעבן ווערן צום סיים, וואו ער וועט ווידער דארפן אפגעשטימט ווערן, איידער ער וועט אריין אין קראפט.

—(::)—

פעלקער ליג דערהאלט אפיציעלן טעקסט פון מאקדאנאלדס בריוו וועגן ווייסן פאפיר

זשענעווע, מארט 3 (איטא). — דער סעקרעטאריאט פון פעלקער ליג האט דערהאלטן פון דער ענגלישער רעגירונג דעם אפיציעלן טעקסט פון דעם בריף, וואס פרעמיער מאקדאנאלד האט צוגעשיקט צו דר. ווייצמאנען וועגן דעם ווייסן פאפיר, לויט דער אינפארמאציע וואס די "איטא" האט געקראגן.

דער בריף וועט פארטיילט ווערן צווישן די מיטגלידער פון דער מאנדאטן קאמיסיע און פון פעלקער ליג ראט.

עס ווערט פארשטאנען, אז די פעלקער ליג איז זייער צופרידן פונ'ם בריף, ווייל דאס באפרייט זי פון דער שווערער אויפגאבע צו אנאליזירן דעם ווייסן פאפיר, וואס זי האט זיך געגרייט צו טאן אויף איר נעקסטער סעסיע אין יוני.

דאקטוירים געפינען אז וויטאמין "איי" איז מיטל קעגן פארקילונגען

לויט א קייבל צו דער היגער "טריביון" פון לאנדאן, האבן די בריטישע דאקטוירים אנטדעקט א ווארשיינלאכן מיטל קעגן פארקילונגען.

דער מעדיצינישער אויספארשונג ראט האט אויסגעפונען, אז די מיסטעריעזע סובסטאנצן וואס געפינען זיך אין נאטירלאכע שפייזן און באקאנט ווי "וויטאמינען איי", האבן די קראפט צו באשיצן דעם קערפער קעגן פארקילונגען און ענלאכע אנשטעקונגען. נאכמער, זיי מאכן שנעלער די קורירונג פון אזעלכע קראנקהייטן ווי אינפלוענצא.

וויטאמין "איי" (וועלכער געפינט זיך באזונדערס אין מילך. רעד.) ווערט איצט אריינגענומען רעגלמעסיק פון די עקספערימענטאליסטן פונ'ם ראט, וועלכע האפן צו פארהיטן פארקילונגען, וועלכע קאסטן אפ בריטאניע אין א פארלוסט פון ארבעטס צייט 150 מיליאן דאלאר יעדן ווינטער.

פראגע פון ארבעטסלאזיקייט פארזיכערונג ווערט איצט פארהאנדלט אין מאניטאבער לעגיסלאטור

די פראגע פון ארבעטסלאזיקייט פארזיכערונג איז אויפגעהויבן געווארן נעכטן אויף דער זיצונג פון דער מאניטאבער לעגיסלאטור פון דזשאן קווין, פירער פון דער ארבעטער גרופע. פרעמיער ברעקען האט אויסגעדריקט זיין צושטימונג צו דער זאך אין פרינציפ. די פראגע וועט היינט ווייטער פארהאנדלט ווערן.

דזשאן קווין האט דערקלערט, אז ער באטראכט בשום אופן ניט ארבעטסלאזיקייט פארזיכערונג ווי א מיטל קעגן ארבעטסלאזיקייט. אויב אבער די אינדוסטריע נויטיקט זיך אין א רעזערוו פון ארבעטער, איז זי מחויב זיי צו פארזארגן, און ער האט פארגעלייגט, אז א פלאן פון ארבעטסלאזיקייט פארזיכערונג זאל אויסגעארבעט ווערן צווישן דער פעדעראלער און די פראווינציעלע רעגירונגען, ענלאך צום עלטער־פענסיע פלאן. די לאגע, זאגט ער, איז זייער ערנסט, און באלדיקע מיטלען מוזן אנגענומען ווערן. ער האט נאך לעצטן יאר געמאכט אזא פארשלאג, אבער ליידער איז ער דורכגעפאלן.

פרעמיער ברעקען, ריידנדיק וועגן מר. קווינס פארשלאג, האט דערקלערט, אז קיין איינציקע פראווינץ קאן פאר זיך אליין אזא פלאן ניט דורכפירן. אויב איבער'ן גאנצן לאנד סימפאטיזירט מען מיט אזא פארשלאג, וואלט מען געדארפט פאררופן א קאנפערענץ פון דער דאמיניאן און אלע פראווינצן צו באטראכטן די פראגע.

דער פרעמיער האט דערציילט, אז אין פארבינדונג פון דער דאמיניאן און פראווינצן קאנפערענץ פאררופן אויף קומענדן חודש וועגן דעם "וועסטמינסטער אקט", האט ער פארלאנגט, אז די פראגע פון ארבעטסלאזיקייט פארזיכערונג זאל ארויפגעשטעלט ווערן אויפ'ן סדר־היום פון דער קאנפערענץ. ער איז אין פולשטענדיקער סימפאטיע, האט ער דערקלערט, מיט'ן פלאן צו פאררופן א קאנפערענץ און צו זען וואס מען קאן טאן וועגן דעם ענין.

די דעבאטע איז געשלאסן געווארן פון דזשאזעף בערניער, וועלכער וועט היינט פארזעצן די דעבאטע איבער דער פראגע.

—(::)—

בריוו קאסטן

א. קאברינסקי, קעמפער, מאנ. — מיר וואלטן אייך געראטן אפצושיקן דעם בריוו דורך דער "איקא" (דזשואיש קאלאניזיישאן אסן., מעקאלום היל בלדג., רעדזשיינע). זיי וועלן אים שוין אפזורן: מיר ווייסן ניט קיין בעסערן אדרעס, ווי דער וואס איז געווען אין דער צייטונג.

דר. מעניאן פארזיכערט יושר'דיקע טאריפן אויף האדסאן ביי ליניע

אטאווא, אנט., מארט 4. — אז די רעגירונג וועט ניט דערלאזן צו וועלכע עס איז פראכט אדער פארזיכערונג דיסקרימינאציעס אויף דער האדסאן־ביי אייזנבאן אדער אויף די שיפן וואס וועלן גיין איבער דעם האדסאן ביי מארשרוט, איז די פארזיכערונג וואס איז געמאכט געווארן פון האנ. ר. דזש. מעניאן, פעדעראלער אייזנבאן מיניסטער, אין א בריוו צו דזש. א. מערקלי, סאסקאטשעוואנער אייזנבאן מיניסטער.

גלייכצייטיק דארף מען אבער ניט דערווארטן, אז די רעגירונג זאל עפעס טאן פאר'ן פארט פון טשורטשיל, וואס זי איז ניט גרייט צו טאן פאר די אנדערע פארטן, — גיט צו דר. מעניאן. דערמיט מיינט ער ווארשיינלאך די פאדערונג ארויסגעשטעלט אין געוויסע קרייזן אין דער וועסט, אז טשורטשיל זאל דערקלערט ווערן פאר א פרייען פארט.

דר. מעניאן דריקט אויס זיין מיינונג, אז דעם קומענדן הארבסט וועט מען ניט קאנען ארויסשיקן פון טשורטשיל מער ווי 750 טויזנט בושל. באציענדיק זיך אויף א רעזאלוציע צוגעשיקט צו אים פון מערקלי, אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט דער ווונש אז דאס זאל פארגרעסערט ווערן ביז פינף מיליאן בושל, ציינט ער אן, אז דאס וואלט געמיינט אז 25 שיפן וואלטן געדארפט געלאדן ווערן אין האפן אויף א מאל. און דאס וואלט געשטערט די האפן ארבעטן וואס דארפן נאך פארענדיקט ווערן.

געריכט פסק'נט אז נאצ. פאנד איז ניט צדקה אינסטיטוציע

מוז דערפאר צאלן הכנסה שטייער

(ספעצ. טעלעג. צו ד.א.וו. דורך "איטא")

לאנדאן, מארט 4 (איטא).— דער הויכער געריכט האט דא גע'פסק'נט, אז דער אידישער נאציאנאל־פאנד איז ניט קיין צדקה אינסטיטוציע, און ער מוז דערפאר צאלן הכנסה שטייער אויף געוויסע ווערטפאפירן וואס ער האלט אין ענגלאנד.

דער באשלוס איז א פועל־יוצא פון אן אפיל פונ'ם נאציאנאל־פאנד קעגן די שטייער באאמטע, וואס האבן געמאנט הכנסה שטייער פונ'ם נאציאנאל פאנד. דער נ. פ. האט גע'טענה'ט, אז ער איז א צדקה אינסטיטוציע.

דער הויכער געריכט האט צוריקגעווארפן דעם אפיל און באשטייערט דעם נ. פ. מיט די געריכט הוצאות. דערקלערנדיק זיין אורטייל, באטאנט דער הויכער געריכט, אז דער ציל פונ'ם אידישן נאציאנאל־פאנד איז ניט צו געפינען היימען פאר ליידנדיקע און פארפאלגטע אידן, נאר צו באזעצן פאלעסטינע מיט אידן, אפילו ווען קיין ארימע אידן וואלטן ניט עקזיסטירט. דער הויפט מאטיוו פונ'ם נ. פ. איז אזוי אויסצולייזן דאס לאנד, און ניט צו העלפן נויטליידנדע אידן.

—(::)—

לעבן אויף פאציענט ער זאל קאנען אפזאגן וידוי

מעדיסאן, וויסקאנסין, מארט 3. — די געשיכטע וועגן דעם ווי אזוי די מעדיצינישע וויסנשאפט איז געקומען צו הילף וויליאם ראורק, 72 יאר אלט, פון וואטערטאון, וויס., אז ער זאל קאנען דורכפירן די לעצטע רעליגיעזע (קירכלאכע) צערעמאניע פון זיין קירך, איז דא דערציילט געווארן פון דאקטוירים און פון רעוו. פיטער פריטזאל, דער גלח פון דער סט. דזשאזעפס קאטוילישער קירך.

לעצטן שבת איז דער דאזיקער גלח ארויסגערופן געווארן צו א שפיטאל, אבער די דאקטוירים האבן געגלויבט, אז זייער פאציענט איז שוין טויט.

אבער מיט עטלאכע מינוטן שפעטער איז אין דעם פארשטארבענעם איינגעשפריצט געווארן אדרענאלין און מען האט אנגעהויבן צו באמערקן אז ער באוועגט זיך און דער גלח האט מיט אים דורכגעפירט די לעצטע קירכלאכע צערעמאניע (וידוי).

מיט פערציק מינוט שפעטער האבן די דאקטוירים באשטימט באשטעטיקט, אז ראורקס הארץ האט זיך אויף אייביק אפגעשטעלט.

—(::)—

עקספעדיציע געפינט 3 ווענט פון יריחו

ירושלים, מארט 3 (איטא).— דר. גארשטאנג פון ענגלאנד, וועלכער פירט אן מיט דער עקספעדיציע וואס מאכט אויסגראבונגען אין יריחו, האט דא אנאנסירט אז עס זיינען געפונען געווארן די צפון, מזרח און מערב ווענט פון דער שטאט יריחו, וואס יהושע האט איינגענומען.

—(::)—

פרייזן פון שפייזן אין די שטאטן העכער ווי אין קאנאדע

וואשינגטאן, ד. ק., מארט 4. — לויט א באריכט פון סענאטאר קעפער, פון קאנזאס, קאסטן שפייז פראדוקטן אין קאנאדע ביליקער, ווי אין די פאראייניקטע שטאטן. באזונדערס איז דאס ריכטיק בנוגע ברויט, וואס קאסט אין די שטאטן מיט 1 ביז 2 סענט א פונט טייערער ווי אין קאנאדע, און איז געווען מיט 4½ סענט א פונט העכער ווי אין ענגלאנד פאר די יארן פון 1924 ביז 1930, מיט נאך א גרעסערן אונטערשייד איצט.

סענאטאר קעפער ציינט דערביי אן דעם פאקט, אז סיי מעל און סיי די ארבעט צו באקן די ברויט קאסטן אין די שטאטן ביליקער ווי אין קאנאדע, און דאך איז די ברויט טייערער.

—(::)—

קבלת פנים פאר חנה טשיזיק אין עדמאנטאן זונטאג

דער עדמאנטאנער פיאנערן פרויען קלוב אראנזשירט א קבלת־פנים אוונט זונטאג, דעם 8טן מארט, 8 אזייגער אין אוונט, אין תלמוד־תורה זאל, לכבוד חנה טשיזיק, פארשטייערן פון די חלוצות אין א"י.

חנה טשיזיק וועט אפגעבן א גרוס פון די חלוצות אין ארץ־ישראל און מען דערווארטעט, אז אלע אידן פון עדמאנטאן און אומגעגנט וועלן קומען מקבל פנים זיין דעם גאסט, און הערן פון איר א גרוס פון דער נייער, מאדערנער אידישער פרוי אין ארץ־ישאל.

עס וועלן אויך געוויזן ווען בילדער פון חלוצים. קיין קאמפיין פאר געלט וועט דעם אוונט ניט דורכגעפירט ווערן.

דראמאטישע סצענעס ביי סאציאליסטישן פראצעס אין מאסקווע

קרילענקא זוכט צו פארפלאנטערן דאוויד ריאזאנאוון

(ספעצ. טעלעג. צו ד.א.וו. דורך "איטא")

מאסקווע, מארט 4 (איטא).— דראמאטישע סצענעס האבן זיך אפגעשפילט דעם דריטן טאג פונ'ם פראצעס פון די 14 סאציאליסטן, אנגעקלאגט אין מענשעוויזם, ווען הויפט־פראקוראר קרילענקא האט געזוכט צו פארוויקלען דעם נאמען פון דאוויד ריאזאנאוו מיט דער "מענשעוויסטישער פארשווערונג" אין וועלכער די באשולדיקטע ווערן אנגעקלאגט.

דאוויד ריאזאנאוו, באוואוסטער אידישער געלערנטער, לענינס א געוועזענער פריינט און "א זייל" פונ'ם באלשעוויזם, איז אנומלט באזייטיקט געווארן פון זיין פאסטן פון דירעקטאר פונ'ם מארקס־ענגעלס אינסטיטוט, אויף דער קלאגע פון מענשעוויסטישע סימפאטיעס. קרילענקא האט איצט געזוכט פארוויקלען אים אינם פראצעס.

פראפעסאר איסאק רובין, איינער פון די אנגעקלאגטע, וועלכן קרילענקא האט עס געהאלטן אויפ'ן קרייז־פארהער, האט שטארק באקעמפט קרילענקאס פארזוך צו פארפלאנטערן ריאזאנאוון אינ'ם פראצעס.

אבער קרילענקא איז מיט זיין עקשנות'דיקער טאקטיק געלונגען ארויסצובריינגען, אז ריאזאנאוו האט געוואוסט פון רובינס מענשעוויסטישע אקטיוויטעטן, און ער האט אים דאך באשיצט צוליב פערזענלאכער פריינטשאפט.

איבער 3000 שפאנישע רעוואלוציאנערן וועלן גע'משפט ווערן

מאדריד, מארט 4. — איבער 300 אנגעקלאגטע אין באטייליקן זיך אינ'ם דורכגעפאלענעם אויפשטאנד לעצטן דעצעמבער וועלן פראצעסירט ווערן אין די לעצטע וואכן פון מארט, איז דא אנאנסירט געווארן.

איין גרופע, וועלכע האט אונטערגעשריבן א מאניפעסט אין וועלכן עס איז פראקלאמירט געווארן א שפאנישע רעפובליק, וועט גע'משפט ווערן פאר'ן הויכן מיליטערישן געריכט. צווישן זיי וועט זיין אלקאלא זאמארא, א געוועזענער מיניסטער, וועלכער איז דאן דערקלערט געווארן פאר "פרעזידענט פון דער רעפובליק".

דעפוטאט מוז זיצן אין געפענגניש פאר באליידיקן דעם געריכט

וואנקאווער, ב. ק., מארט 4. — ווילפריד פ. הענבורי, מיטגליד פון פארלאמענט איז פאראורטיילט געווארן צו 10 טעג ארעסט פאר ניט קומען אין היגן קרייז געריכט וואוהין ער איז גערופן געווארן.

ווי עס ווערט באהויפטעט, איז מר. הענסבורי געלאדן געווארן אין געריכט אין פארבינדונג מיט א חוב אויף $217 צו א געוויסן דזשאן קריד, און ער האט פארפעלט צו דערשיינען אין געריכט וואוהין ער איז געלאדן געווארן.

מאטאריסטן געווארנט צו באזארגן זיך גלייך מיט נייע "לייסענס" פלאטעס

מאטאריסטן, אויפמערקזאם! פון היינטיקער וואך אן, וועלן אלע אויטאמאביל אייגנטימער וועלכע פארן ארום אן נייע, 1931, לייסענס פלאטעס, "געסאמאנסט" ווערן, און זיי וועלן באשטראפט ווערן אין געריכט. פון נעכטן אן האט זיך די פאליציי גענומען אכטונג צו געבן אויף אלע מאטאריסטן מיט אלטע (1930) פלאטעס אויף זייערע אויטאמאבילן, און זיי וועלן געווארנט ווערן, אז אויב זיי וועלן גלייך ניט ארויסנעמען קיין נייע לייסענס, וועלן זיי ניט טארן פארן אין זייערע אויטאמאבילן, און זיי וועלן נאך דארפן באצאלן א געלט שטראף.

ביז נעכטן האט די שטאטיקע פאליציי זיך באגאנגען מילד מיט מאטאריסטן וועלכע זיינען נאך ארומגעפארן מיט לייסענס פלאטעס פון לעצטן יאר, ווייל די פאליציסטן האבן געהאפט, אז די מאטאריסטן וועלן ניט ווארטן ביז מען וועט זיי אויפמערקזאם מאכן אויף דעם. אבער א סך מאטאריסטן האבן אויסגענוצט די מילדקייט פון דער פאליציי און ניט געקוקט אויף דעם פאקט וואס דאס איז שוין דער דריטער מאנאט פון היינטיקן יאר, פארן זיי נאך אלץ ארום מיט אלטע לייסענס.

ווי עס זעט איצט אויס וועט עס קאסטן א סך ווייניקער ווען א מאטאריסט וועט זיך צואיילן און ארויסנעמען לייסענס באצייטנס, איידער א פאליציסט וועט אים אויפמערקזאם מאכן דערויף.

אפמאך דערגרייכט צווישן לארד אירווין און גאנדי, וואס וועט מאכן א סוף צו אומרוען אין אינדיע

ניודעלהי, אינדיע, מארט 4.— נאך יארן פון אומרוען און קאמף, שטייט איצט אינדיע ווידער אויפ'ן שוועל פון פרידן, נאכדעם ווי לארד אירווין, וויצע־קעניג פון אינדיע, און מאהאטמא גאנדי, אינדישער פירער, האבן דערגרייכט אן אפמאך.

די קאנפערענץ צווישן זיי ביידן נעכטן האט זיך פארצויגן אן אן איבעררייס פאר גאנצע 9 שעה, ביז שפעט אין דער נאכט. עס זיינען אנגעצייכנט געווארן די הויפט פונקטן פונ'ם אפמאך, וואס וועט שפעטער אויסגעארבעט ווערן אין דעטאלן. כאטש קיין אפיציעלע מעלדונג וועגן דעם אפמאך איז ניט געמאכט געווארן, איז אבער באקאנט, אז ער אנטהאלט די פאלגנדיקע פונקטן:

אינדיער וואס וואוינען ביים ים האבן דאס רעכט צו מאכן זאלץ פונ'ם ים־וואסער, וואס איז ביז איצט געווען דער רעגירונגס מאנאפאל.

פרידלאך פיקעטן פאר עקאנאמישע צוועקן וועט דערלויבט.

אייגנטום קאנפיסקירט פון אינדיער פאר זייער באטייליקונג אין די אומרוען, ווערט צוריקגעקערט, מיט געוויסע רעזערוואציעס.

די אינדישע נאציאנאליסטן, פון זייער זייט, מאכן די פאלגנדיקע הנחות:

דער אומגעהארכזאמקייט קאמפיין ווערט אפגעשטעלט. און גאנדי און אנדערע פירער באטייליקן זיך אין א נייער רונדער־טיש קאנפערענץ.

די אינדישע פירער זאגן זיך אפ פון זייער פאדערונג פאר אן אויספארשונג פון די מעשים פון דער פאליציי, וועלכע זיינען געווען, לויט די נאציאנאליסטישע פירער, אומגעזעצלאך ביים אונטערדריקן די נאציאנאליסטישע באוועגונג.

סאוועט רוסלאנד האט שטארקסטע ארמיי, דערקלערט בריאן

פאריז, מארט 4.— אויסערן מיניסטער אריסטיד בריאן האט דערקלערט אין דעפוטאטן קאמער, אז סאוועט רוסלאנד האט איצט די שטארקסטע ארמיי אין דער וועלט.

בריאן האט געענטפערט אויף א באשולדיקונג פון דעם קאמוניסטישן דעפוטאט, מארסעל קאשען, אז פראנקרייך אין פיינטלאך צו סאוועט רוסלאנד און גיט אן לאנד א פלאץ פאר א ווייסער ארמיי. בריאן האט געענטפערט, אז די דאזיקע באשולדיקונג איז אומערלאך און לעכערלאך.

די פראנצויזישע רעגירונג, האט בריאן געזאגט, ווייס ניט פון אזעלכע ארגאניזאציעס און ס'איז נאריש צו ריידן וועגן א "ווייסער ארמיי" אין פאריז, בעת רוסלאנד אליין האט די שטארקסטע ארמיי אין דער וועלט.

עס קאן זיין, האט בריאן ווייטער געזאגט, אז אין פאריז קומען זיך צונויף מענשן וואס זיינען קעגנער פונ'ם סאוועטישן רעזשים. אבער פראנקרייך איז גאסטפריינטלאך צו מענשן פון פארשיידענע מיינונגען, און וואס איז שייך דער רעגירונג, האט זי נישט קיין שום פארבינדונג מיט די דאזיקע מענשן.

"מ. קאשען ווייס אז פראנקרייך האט אלעמאל געארבעט פאר פרידן", — האט בריאן ווייטער געזאגט. — און זיינע באשולדיקונגען זיינען אומערלאך און לעכערלאך.

אגב - אורחא

פון מארק

שמועסן איבער טאג פראגעס

דער "פארווערטס" דערקענט ניט אן אלטן פריינט. — ווען מען ווארפט א לארד אין דער לופטן. — קאנאדע פראגרעסירט. — ס'איז ניט געווען שווער צו טרעפן. — ווער איז שולדיק אינ'ם פארלארענעם סטרייק? — דער שקר האט ניט קיין קאפ און קיין פיס.

ווי לאנג איז עס געווען, ווען דער "פארווערטס" האט מיט שטאלץ געשריבן וועגן "גענאסע" סער אסוואלד מאסלי. איין קלייניקייט: א רייכער לארד, וואס איז געווארן א סאציאליסט. און זיין פרוי, גענאסיכע ליידי סינטיא מאסלי, א טאכטער פון לארד קורזאן, — א סאציאליסטקע!

ס'איז געווען א שטאלץ פאר'ן גאנצן גענאסנטום. מען האט זיך מיט אים געצאצקעט, ווי מיט אן אבן־טוב.

און איצט דערקענט מען אים שוין ניט. "ענגלישער אריסטאקראט וויל א דיקטאטור!" — אזוי שרייבט איצט דער "פארווערטס". שוין ניט גענאסע אסוואלד מאסלי, נאר עפעס אן "ענגלישער אריסטאקראט"...

נא, סער אסוואלד, צי דו וועסט גרינדן א נייע פארטיי, צי ניט, אבער מיט דיין "פיקטשע" וועט זיך דער "פארווערטס" שוין ניט צאצקען...

* * *

א תלמוד'יש ווערטל זאגט: "ווארף א שטעקן אין דער לופטן, פאלט ער מיט'ן ווארצל צו דער ערד".

סער אסוואלד מאסלי איז געגאנגען דעם גאנצן וועג פון דער נאטירלאכער פאר אים סביבה אין דער קאנסערוואטיווער פארטיי, ביז אין די רייען פון דער ארבעטער פארטיי.

זיינע לארדישע אמביציעס האבן אפנים אבער שווער געליטן פון דער ראל פון א צווייטן פידלער. האט ער אנגעהויבן קאטשען זיך נאך לינקער, אין מעקסטאנס ריכטונג.

און אט־אט האט מען דערווארט פון אים, אז ער זאל ווערן עפעס א מין ענגלישער טראצקי. — אזא פייער־עסער איז ער געווען!

אבער אנשטאט דעם האט ער זיך איצט גאר פארמאסטן צו ווערן א לארד ביווערברוק, מיט א ניצוץ פון א מוסאליני — ס'איז פארט מער אין זיין נאטור...

און וואו איז עס זיין בלוט־רויטער סאציאליזם? עפעס זעט זיך עס גאר מער ניט אן!

דער "פארווערטס" איז אפשר דאך גערעכט איצט, — כאטש ס'איז א שאד, וואס ער האט פארלארן אזויפיל זשורנאליסטישע ענערגיע און געגעבן אים אזויפיל "פובליסיטי" ביז איצט...

* * *

מיר מאכן דורך אין קאנאדע א פיינעם פראגרעס אין דער ריכטונג פון — צארישע מעטאדן...

אט האט איר א נייעם שריט פאראויס: דעפוטאט א. א. היפס האט געזאלט אדרעסירן אן "אפענעם פארום" אין האמילטאן, אנט., קומענדיקן זונטאג.

זאגט דער פאליציי־שעף פון האמילטאן, אז ער וועט ניט אדרעסירן, — און ער ווייס וואס ער זאגט...

איז ער חלילה קעגן פרייען ווארט? — חס ושלום. דער תירוץ איז, אז ער, דער צאר פון האמילטאן, איז אנטשלאסן ניט צו דערלויבן קיין שום זונטאגדיקע פארזאמלונגען, אויסער קירך פארזאמלונגען.

אגב האט היפס, דאכט זיך, אויך שווערע ריקייטן מיט א פארזאמלונג אין טאראנטא, כאטש ניט קיין זונטאג'דיקע: דאס קעמפט מען קעגן קאמוניזם...

און גארנישט, עס גייט א גאנג, — אונזער מעיאר וועב שטעלט זיך גאר ניט איין פאר די "בריטישע אינסטיטוציעס" וואס זיינען אים נעבאך אזוי טייער און וואס ווערן דא געטראטן מיט די פיס!

* * *

מען האט ניט געדארפט זיין קיין גרויסער נביא פאראויסצוזאגן (ווי איך האב דאס געטאן לעצטן פרייטאג), אז די פירער פון דעם היגן דורכגעפאלענעם קלאוקמאכער סטרייק וועלן זוכן צו פארדעקן זייער אייגענעם פארראט און אומפעאיקייט ווארפנדיק די שולד אויף אימעצנס אנדערש קאפ.

זיי טוען עס טאקע, — און אזוי אומגעלומפערט און האמעטנע, ווי זייער דרך איז.

זיינען זיי שוטים אדער שארלאטאנעס? גיכער פון אלץ — ביידע זאכן: זיי זיינען שארלאטאנעס וואס ווילן אויסדרייען זיך פון זייער אחריות דורך ליגנס און בלבולים, און זיי זיינען שוטים אויב זיי מיינען, אז אימעצער מיט א קליינפקע אין מח וועט זיי גלויבן.

* * *

ווייסט איר ווער איז שולדיק אין דעם אומגליקלאכן דורכפאל פונ'ם סטרייק? ניט די פאר אינגלאך וואס מען האט געשיקט פון טאראנטא צו שפילן זיך אין רעוואלוציע מיט'ן שטיקל ברויט פון מויל פון הונדערט ארבעטער, און ניט די אינגלישע מעטאדן וואס זיי האבן די גאנצע צייט אנגעווענדעט.

שולדיק איז — "דאס אידישע ווארט" און דער שרייבער פון אט די שורות, און שולדיק איז — אלדערמאן גרעי!

און שולדיק איז גאר די אינדעפענדענט לייבאר פארטיי, וועלכע, הייסט עס, האט זיך דערשראקן מען זאל חלילה ניט רופן די באלעבאטים מיט א דזשענעראל סטרייק, און זיי האבן דערפאר געבראכן דעם סטרייק...

* * *

מיר וועלן זיך נאך צו דעם ענין צוריקקערן. איצט וויל איך בלויז דא באמערקן, אז ה' גערשמאן, ווען ער איז געווען אין אפיס פון ד. א. וו., האט גערעדט אנדערע דיבורים.

איך וויל אויך באמערקן, אז ה' גערשמאן האט אייניקע מאל באזוכט גרעיען (נאך טובה'לאך, וועלכע ער האט אגב טיילווייז געקראגן), און ער האט געוואוסט פון גרעיס פלענער פארצושלאגן פארמיטלונג — און ער האט קענען זיי ניט אויסגענוצט!

און נאך איין זאך איצט, און איך בין דערווייל פארטיק: גרעי, זאגן זיי, האט

(שלוס אויף לעצטער זייט)